שנה ג'
נומער קט"ו
**פרשת כי תשא**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



## סיום מסכת מועד קטן
### אין קרית ברסלב ד' תצוה תשפ"ב

א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א:
**איר נעמט דעם גאנצן גן עדן פאר אייך**

א שיחה פונעם ראש ישיבה שליט"א:
**מאן און ווייב קריגן זיך ארום וועגן א צומי**

קלאסיפיידס אפטיילונג:
**מודעות, ארבעט, גמחים און נאך.**



ביים ציון פון הרה"ק מסאטמאר זצ"ל ד תצוה תשפ"ב

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רעזערווירט דעם דאטום >> מוצש"ק פקודי >> מלוה מלכה "מסיבת הכרת הטוב"
בבנין המוסדות בוויליאמסבורג

קרית ברסלב במזל

רעדאקציע
מרדכי אינדיג
אברהם הערש וועבערמאן
אברהם יצחק אייזנער
יחזקאל שרגא שארף

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידיש שטוב:
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# בריוו צו די רעדאקציע

## קלאסיפייד אפטיילונג

די גאנצע משפחה ווארט שוין א גאנצע וואך ווען די קרית ברסלב בלעטל וועט אנקומען, מען רייסט זיך ארום ווער עס וועט האבן די ערשטע, מיינע קינדער זאגן אז מען דארף אהיימברענגען אפאר שטיק.

איך פלעג נישט זיין פון די מענטשן וואס קויפן א גאנצע פאק פון צייטונגען יעדן ערב שבת, אבער איין אויסגאבע פלעג איך נאך יא קויפן, איך האב מיר פון דעם נישט געקענט שיידן, אבער פון ווען די בלעטל איז געווארן פארגרעסערט אויף אזא שיינעם פארנעם, און איך האב געזעהן אז דאס איז נישט סתם געווען איין וואך, נאר דאס גייט אזוי יעדע וואך, האב איך ברוך השם געסטאפט צו קויפן יענעם אויסגאבע.

פארגאנגענע וואך האב איך געזעהן עס איז צוגעקומען א פרישע אפטיילונג פון "קלאסיפייד", האב איך געוואלט וויסן אויב נאר פאר איינוואוינער פון שטעטל קענען אדווערטייזן, אדער איז דאס אויך פאר אנשי שלומינו פון איבער די גארער וועלט.

עס איז נישט דא די ווערטער אייך צו באדאנקן פאר די הערליכע אויסגאבע, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן פאר דעם.

### א ליינער פון מאנסי

רעדאקציע: יישר כח פאר די חיזוק. מען קען אדווערטייזן אינעם אויסגאבע, נישט קיין חילוק וואו איר וואוינט, די געדאנק איז מען זאל זיך שטיצן איינער דעם צווייטן. "ברסלב שטיצט ברסלב."

# זמנים Liberty

פרשת ויקהל י"ח אדר א' תשפ"ב

הדלקת הנרות.......... 05:17
מוצאי שבת............ 06:49
מנחה מעריב פקודי. 06:35

| | | |
|---|---|---|
| Fri 18 | 29°/12° | Mostly Sunny |
| Sat 19 | 34°/13° | Mostly Sunny |
| Sun 20 | 33°/19° | Sunny |
| Mon 21 | 43°/26° | Mostly Sunny |
| Tue 22 | 46°/36° | PM Showers |
| Wed 23 | 45°/33° | Showers |
| Thu 24 | 41°/24° | Showers |
| Fri 25 | 36°/20° | Mostly Cloudy |

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמן א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתוביילא שיינדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת תצוה?

## פון ראכטס צו לינקס.

2. שלאף און עס, נאר היט די _____
3. די שענסטע צייט פונעם מענטש זענען זיינע _____ יארן
8. זוכט אויף אין די שווערע ביטערע לעבן עפעס א _____ וואס איז יא גוט
13. פון טון _____ זאכן פארלירט מען גארנישט
15. דעם רבינ׳ס ספרים זענען א שמירה פאר די שטוב און פאר די _____
16. משניות איז אזוי ווי _____ _____, עס נעמט אראפ אלע פלעקן
17. אז מען פאלט אריין אין א _____, בעט מען דעם אייבערשטן זאל רחמנות האבן
18. נישט קיין פראבלעם צו געבן פאר׳ן קינד א _____

## פון אויבן אראפ.

1. דער _____ מאכט אלעס, ער טוט אלעס, נישטא גארנישט אויסער אים
4. ווען מען _____ דעם אייבערשטן, ווערט מען שטארק, מען באקומט כח
5. דאס לעבן איז אזוי ווי א _____
6. זאלסט קיינמאל נישט אוועקשיקן א _____ _____
7. עלטערן נעמען נישט אוועק די פריוואטקייט, עלטערן מאכן די לעבן מער זיס, מער _____
9. דער _____ _____ היט דעם מענטש ברוחניות ובגשמיות
10. ווער עס היט זיך די אויגן, וועט האבן _____
11. _____ פאר שמחה אז דו האסט זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי׳ן ראש השנה
12. זע עס זאל זיין נאר _____ אין שטוב
14. מאך זיך א קביעות צו האבן לכל הפחות איין שיעור אין _____



# שטעטל נייעס

## ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל ד׳ תצוה



מיטוואך תצוה איז דער ראש ישיבה געקומען באזוכן דעם ברסלב׳ן שטעטל וואס וואקסט און בליהט מיט נאך איינוואוינער יעדע וואך קע״ה.

די ערשטע פלאץ איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן אין סקול און געגעבן פאר די מיידלעך פון די אינגערע קלאסן א שיינע מתנה, א גרויסע תהילים, און בייגעלייגט איז געווען א בריוו פונעם ראש ישיבה. און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז מען דארף וויסן אז ווען די מאמע רופט אינמיטן זאגן תהילים דארף מען גלייך גיין העלפן די מאמע. אויך דארף מען וויסן אז וואס מען דארף קען מען בעטן דים אייבערשטן בשעת מען זאגט תהילים.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שיעור פאר די איינגעשטעלטע אין די מוסד און געזאגט ״אינטערסאנט אז די אלע וואס ארבעטן פארן רבי׳ן שפירן די זעלבע - אז מען דארף זיי נישט, אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווייל אויב ענק זענען נישט גוט וועט מען ענק גלייך פארשיקן פון ארבעטן פאר די מוסד.״

דערנאך איז דער ראש ישיבה געגאנגען צום אפיס פון הסופר האברך שלום פאללמאן הי״ו, און באטראכט די מגילה וואס ער שרייבט יעצט, און געבעטן ער זאל שרייבן מזוזות צוליב די מאנגל אין מזוזות. פון דארט איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו א מיטינג מיט די הנהלה מעמבערס, וואו דער ראש ישיבה האט גאר שטארק ארום גערעדט וויאזוי מען קען מאכן אז מען זאל זיך ליב האבן אין שטעטל, און עס זאל נישט זיין קיין רייבערייען און גערעדעכטס איינער אויפן צווייטן אויף קיין שום פאל.

נאך די מיטינג איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום סיום פאר די קינדער וואס האבן מסיים געווען מועד קטן וואס זיי האבן געלערנט מיט הרב יעקב לעסער שליט״א יעדע נאכט. דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט ״ענק ווייסן ווער עס בויעט די שטעטל? ענק בויען די שטעטל, ווייל נאר דורך לערנען תורה שטייט די וועלט״ (מען קען הערן די שיעור אויף קול ברסלב).

פון דארט איז דער ראש ישיבה צוגעפארן צום בית המדרש ווי דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם לעצטן דף אין מסכת מועד קטן און אריינגעפלאכטן הדרכה און עצות וויאזוי מען דארף לעבן, און וויסן אז א מענטש האט נישט קיין חברים, און אז איין טאג קומט די מלאך המות צו יעדעם איינעם אהיימנעמען, אויב האט מען געלערנט דארף מען נישט מורא האבן.

נאכדעם איז פארגעקומען א שיינע סיום, הרב יעקב לעסער שליט״א האט מסיים געווען די מסכתא, דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א הערליכן שיעור און ארום גערעדט פון די וויכטיגקייט פון לערנען יעדן טאג א דף גמרא און זיך אנגערופן ״מען זעהט אז מוהרא״ש האט דאס אראפגעשטעלט פאר א עיקר, דאס איז א זאך וואס מען דארף טוהן יעדן טאג.״

דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן א אינגערמאן און געזאגט ״ווען דער אינגערמאן איז מקורב געווארן אלץ בחור, האט ער זיך צוגעכאפט צו חומש, משניות, תהילים, אבער גמרא האט ער בשום אופן נישט געוואלט עפענען צוליב דעם וואס ער האט געכאפט קלעפ ביים לערנען גמרא אין חדר, אבער נאכן הערן גאר אסאך דרשות אין ישיבה האט ער אפגעמאכט אז ער גייט פרובירן צוריק צו עפענען דעם גמרא, און ברוך השם ער האט שוין היינט מסיים געווען מסכת מועד קטן, און אזוי אויך אלע מסכתות פון ברכות ביז מועד קטן, דאס איז די כח פונעם רבי׳ן וואס האט א שפראך צו יעדן איינעם.״

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט פון זיין חשובע באבע רחל לאה טייטלבוים ע״ה וואס די יארצייט איז געפאלן דעם טאג, און גערעדט פון איר אמונת חכמים וואס זי האט געהאט, און דאס האט זי אריינגעפרעגלט אין איר קינדער און אייניקלעך. נאכן שיעור איז דער ראש ישיבה צוגעפארן קיין קרית יואל צום ציון פון זיין באבע רחל לאה ע״ה, און אויך צוגעגאנגען צום זיידן רבי אלחנן חיים טייטלבוים ז״ל און נאך. דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט תיקון חצות מיט די בחורים ביים ציון פון הרה״ק מסאטמאר זצ״ל.

אויפן וועג אהיים האט זיך דער ראש ישיבה משתתף געווען ביי די חתונה פון בן ר׳ אלימלך פארגעס הי״ו אין קרית יואל פאר הכרת הטוב וואס דער ראש ישיבה האט פאר ר׳ אלימלך הי״ו וואס האט אזויפיל געהאלפן די ישיבה אין צייטן וואס קיינער איז נישט געווען גרייט צו העלפן. שפעט ביינאכט, מער נענטער צו פארטאגס איז דער ראש ישיבה אנגעקומען אהיים נאך א גאנצן טאג מחזק זיין אנשי שלומינו.

היכל הקודש

# נייעס

היכל הקודש

## סיום מועד קטן געפראוועט איבעראל



אנשי שלומינו פרייען זיך בשמחת התורה צום סיום מסכת מועד קטן וואס איז געלערנט געווארן דורך אלע אנשי שלומינו על סדר הש"ס, ווען מען האט יעדן איינציגן טאג - געלויבט דעם אייבערשטן - געלערנט א בלאט גמרא, און יעצט האט מען עס בסיעתא דשמיא מסיים געווען.

דער ראש ישיבה שליט"א וועלכע לערנט פאר דעם דף גמרא יעדן טאג בטוב טעם ודעת מיט א גאר געשמאקן און קורצן וועג, איז אלץ מיט א בלאט פאראויס, אזוי אז עס זאל שוין זיין ארויפגעלייגט אויפן טעלעפאן יעדן טאג אינדערפרי דעם בלאט פון יענעם טאג.

טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט האלטן מיט דעם געשמאקן שיעור פונעם ראש ישיבה וואס איז שטארק מפורסם. אויך איז מען זיך מחיה מיט די קורצע חיזוק ווערטער וואס ווערט אלץ געזאגט נאכן שיעור, ווי דער ראש ישיבה נעמט ארויס וואס די גמרא וויל פון אונז הלכה למעשה, אויף טאג טעגליך. אזוי אויך רעדט דער ראש ישיבה אלץ איבער חינוך, וויאזוי מען קען מצליח זיין אויפצוציען ערליכע שיינע דורות אין די היינטיגע וועלט.

איבעראל ווי עס געפונט זיך א חבורה היכל הקודש, איז מען זיך צאמגעקומען זיך פרייען צום סיום מסכת מועד קטן, וואס דאס איז א גרויסע שמחה, ווייל **יעדער אין די חבורה האט מסיים געווען די מסכתא, נישט נאר איינצעלנע אין די חבורה.**

אין ישיבה איז פארגעקומען די סיום פאר די בחורים מיטוואך תצוה ביים טעגליכן שיעור, און פאר די אינגעלייט איז פארגעקומען די סיום ביים וועכנטליכן שיעור דאנערשטאג תצוה ביינאכט.

ביים אינגעלייט סיום האט דער ראש ישיבה זייער שטארק גערעדט פון די וויכטיגקייט אריינצוברענגן אין אנדערע ארום דיר די עצה פונעם דרך הלימוד - אז יעדער קען לערנען. יעצט הערט מען אז די שטאט טיילט געלט פאר די וואס קענען נישט צאלן די מארטגעדזש, אזוי אויך קען מען באקומען געלט אויב האט מען א קארפארעישן, א אינגערמאן ווערט דאס געוואר, גלייך שפרינגט ער אויף און פראבירט דאס צו פארציילן פאר יעדן איינעם, אז א צווייטער זאל אויך דאס וויסן און באקומען די געלט פון די שטאט.

די זעלבע זאך איז מיט ברסלב, אז מיר זענען געוואר געווארן פון אזא זיסע רבי' מיט אזאנע געשמאקע עצות דארף דאס ברענגען אין יעדן אינגערמאן דאס צו איבערגעבן פאר נאך איינעם אז ער זאל אויך וויסן פון דעם געשמאקן רבי"ן וואס מיר האבן.

מיטוואך נאכמיטאג איז פארגעקומען א סיום פאר די כיתה ט' אין שטעטל, בהשתתפות דעם ראש ישיבה, און שפעטער ביינאכט איז פארגעקומען דעם סיום פאר די אינגעלייט (פאר מער פרטים, ליין אין די שטעטל נייעס).

דאנערשטאג נאכמיטאג איז געפראוועט געווארן א שיינע סיום פאר די כיתה ט' קינדער פון וויליאמסבורג חדר, זיי האבן געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה איז געקומען מיטהאלטן דעם סיום (זעהט דעם בילד ביי די בילדער אפטיילונג).

אויב האבן מיר פארפאסט א סיום וואס איז געווען, ביטע שיקט אריין צום מערכת.

אין געציילטע וואכן ארום שבת ויקרא וועלן זיך אלע אנשי שלומינו צאמנעמען זיך פרייען צום סיום סדר מועד וואס וועט געפראוועט ווערן אין קראון פלאזא האטעל, וואס דאס וועט געבן גאר א שטארק שטיפ צו ווייטער ממשיך זיין לערנען דעם הייליג'ן דף גמרא יעדן טאג.

מען דארף שטענדיג געדענקן דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז שטענדיג: "אז דו ווערסט "זאגן" דעם דף גמרא יעדן טאג, קען זיין אז דו ווערסט לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא, אז דו ווערסט ווילן נאר "לערנען" דעם דף גמרא ווערסטו זען וואס עס וועט זיך אויסלאזן דערפון". זוך נישט קיין שלימות, פאלג דעם צדיק וואס האט געזאגט (שיחות הר"ן סימן ע"ו) **"אין צריכים בלימוד רק האמירה לבד".**

**א בלאט גמרא דאס איז מיין לעבן**



# "מעשיות פון תפילה"

## שלום יוסף ניישטיין - קרית ברסלב:

א. איך האב געהאט א געדינגענע קאר צוליב א עקסידענט וואס איך האב געהאט נישט לאנג צוריק. ס'איז געקומען די צייט צוריקצוגעבן די קאר האט זיך פארשלעפט די פעימענטס פון די אינשורענס קאמפאני צו די רענטל, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די אינשורענס קאמפאני זאל שוין באצאלן פאר די רענטל, ווייל אויב נישט וואלט איך עס געדארפט באצאלן פון מיין טאש, שכח אייבערשטער אז נאך אסאך תפילות איז די קאר געווארן באצאלט פון די אינשורענס.

ב. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל שוין האבן מיין אייגן קאר און ס'זאל נישט זיין צו טייער, שכח אייבערשטער, דער אייבערשטער האט מיך צוגעשיקט א גוטע קאר פאר גאר א ביליגע פרייז. "שכח אייבערשטער פארן מיך אלץ געבן וואס איך בעט דיר".

## רפאל יעקב גוטמאן - בית שמש:

פאראגאנגענע וואך זענען מיר אפאר חברים געפארן צוזאמען פון בית שמש צום ציון פון 'דן בן יעקב' וואס געפונט זיך נישט ווייט פון בית שמש, אינמיטן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין א גאז סטאנציע אנפולן גאז, אריינלייגנדיג דעם קרעדיט קארד אינעם מאשין האט עס נישט געארבעט, האבן מיר אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס קארטל זאל ארבעטן, און מיר האבן אויך געזאגט פארן אייבערשטן אז מיר וועלן מפרסם זיין די מעשה אינעם קרית ברסלב בלעטל.

שכח אייבערשטער, ווי נאר מיר האבן געענדיגט די תפילה איז אן ארבעטער צוגעקומען העלפן דאס קארטל זאל ארבעטן, און מיר האבן געקענט ווייטער פארן.

## עזרא בוים - קרית ברסלב:

שוין לאנגע יארן וואס איך האב פחדים פון גלאז, ספעציעל פון די גלאזערנע טירן וואס איז דא ביי אסאך דירות אין די שאוערס. אין מיין דירה וואו איך פלעג וואוינען אין בארא פארק איז געווען אזא גלאזערנע טיר ביי די שאוער, איך האב אלץ געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט מורא האבן, אזוי אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דער לענדלארד פון מיין דירה זאל עס טוישן צו א פשוט'ע פירהאנג.

וכך הוה נאך א שטיק צייט בעטן האט דער לענדלארד מיר געזאגט ער וויל איבערמאכן דעם גאנצן בית הכסר, און ער האט אראפגענומען דעם גלאז. אבער איך האב אלץ געבעטן דעם אייבערשטן אז די אלע פחדים זאלן אוועקגיין.

שכח אייבערשטער אז איך וואוין שוין היינט אין שטעטל, נאכן זיך אריין ציען אינעם הויז האב איך באמערקט אז נישט נאר די טיר פון די שאוער איז גלאז נאר אלע ווענט זענען פון גלאז, ביים באדן די קינדער איז מיר געווען זייער שווער צוליב די שרעק וואס איך האב. אבער איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז די פחדים זאלן אוועקגיין.

שכח שכח אייבערשטער אז נאך אזויפיל יאר בעטן איז מער נישט דא קיין זכר פון קיין פחדים, איך האב שוין נישט מורא פון דעם.

## ישראל קרויס - וויליאמסבורג:

צוויי וואכן צוריק האט דער אייבערשטער אראפ געשיקט א שיינעם שניי דא אין שטאט, ווער עס ווייסט, וועז עס שנייט אין שטאט ווערט גאר שווער מיט די טרעפיק, בפרט איך וואס איך דעליוועור באקסעס און וועז די גאסן זענען פארשנייט ווערט שווער מיט טרעפיק און פארקינג און אזוי ווייטער. אזא שניי קען צומאל בלייבן ביז נאך פורים.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל קומען א גוטע רעגן וואס זאל אוועקוואשן די שניי, שכח אייבערשטער עס איז געקומען א גוטע רעגן, אזוי אז ביז סוף וואך איז שוין כמעט נישט געווען קיין זכר פונעם שניי.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, פּוּרִים קָטָן, י"ד אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לפ"ק**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ' גְעוֶוען צוּ רֶעדְן מִיט דִיר אוּן הֶערְן פוּן דִיר אַז דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר גֵייט הַיינְט מְסַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא אַזַא זַאךְ, **אַז אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר אִיז מְסַיֵּים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה?** אִיךְ וֶועל אִים שְׁרַייבְּן אַ חִיזוּק בְּרִיוו עֶר זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת.

נָאךְ מֶער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דַיין זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר פַארְשְׁפְּרֵייט וַוייטֶער גִלְיוֹנוֹת אִין לָאנְדָאן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַזֵק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין דִי תּוֹלְדוֹת פוּן חֲסִידֵי חַבַּ"ד וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גְעוֶוען אִין רוּסְלַאנְד דוּרְכְאוֹיס דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יָארְן פוּן קַאמוּנִיזְם וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאלְטְן אִידִישְׁקֵייט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ אִיד פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִידִישְׁקֵייט הָאט מֶען בַּאצָאלְט פַאר דֶעם מִיטְ'ן לֶעבְן. אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' בֶּערְקֶע חֵן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ שְׁטִיק מְסִירוּת נֶפֶשׁ אִיד! עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן וואוּ עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן, שַׁבָּת פְלֶעגְט מֶען זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ וואוּ עֶר אִיז גְעוֶוען בַּאהַאלְטְן זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן. דֶער ר' בֶּערְקֶע פְלֶעגְט אוֹיסְזָאגְן יֶעדְן שַׁבָּת גַאנְץ תְּהִלִים, אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַ בָּחוּר אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי פָאלְגֶענְדֶע וֶוערְטֶער: **"ר' בֶּערְקֶע אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס אִיר נֶעמְט דֶעם גַאנְצְן גַן עֵדֶן פַאר אַייךְ**; פַארְוָואס זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט פַארְגִינֶען פַאר אוּנְז בָּחוּרִים? מִיר זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אַהֶער צוּ קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן אִיר זִיצְט זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט מִיטְן תְּהִלִים?!" הָאט ר' בֶּערְקֶע **גְלַייךְ פַארְמַאכְט דֶעם תְּהִלִים אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי בָּחוּרִים.**

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת אוּן פוּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יֶעדְן טָאג דַיינֶע סִיוּמִים וְכוּ', הָאבּ אִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע הֲנָאָה פוּן דֶעם אַז דוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט דֶעם גַאנְצְן גַן עֵדֶן בְּלוֹיז פַאר דִיר אַלֵיינְס, נָאר **דוּ פַארְגִינְסְט אַ שְׁטִיקְל גַן עֵדֶן פַאר נָאךְ אַ אִיד.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צוּמִי

אִין אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת (תְּצַוֶּה תשפ"ב), הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּערְ'ן גֶעבְּן אַ צוּמִי פַאר אַ קִינְד. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דָארְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן אַ צוּמִי פַאר אַ קִינְד, עֶס שֶׁעדִיגְט נִישְׁט דִי צֵיינֶער, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר וֶוען עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם אַ מַחֲלֹקֶת אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אִינֶעם בְּרִיוו, "אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אַ קָאפְּל, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר; דֶער מַאן שְׁרֵייט אַז דִי צוּמִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶס פַארְדְרֵייט דִי צֵיינֶער, דִי פְרוֹי וָואלְט נָאכְגֶעגֶעבְּן דֶעם מַאן, זִי זוּכְט נִישְׁט דַוְקָא יָא צוּ גֶעבְּן אַ צוּמִי, זִי זוּכְט נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, אָבֶּער וָואס זָאל זִי טוּן אַז זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, זִי וִויל אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, פַאר אַפָּאר מִינוּט זִיךְ קֶענֶען פַארְמַאכְן אִירֶע אָפְּגֶעמַאטֶערְטֶע אוֹיגְן - גֶעבְּט זִי אַ צוּמִי דֶעם קִינְד, קוּמְט דֶער מַאן אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי צוּמִי, מִיטְ'ן טַעֲנָה אַז דִי צֵיינֶער גֵייעֶן וַואקְסְן קְרוּם. הוֹיבְּט דָאס קִינְד אָן וֵויינֶען, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, וֵויינְט דִי מַאמֶע צוּם מַאן: "לָאז מִיךְ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, לָאז מִיךְ אָטֶעמֶען", אִיךְ פְּרוּבִּיר רֶעדְן מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט נִישְׁט - וִוי שֶׁעדְלִיךְ אַ צוּמִי אִיז". דָאס אִיז אַ צָרָה; **אַז מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם וֶועגְן אַ צוּמִי - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם".**

שְׁמוּעֶסְנְדִיג אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' מִיט דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, אִין וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע תְּשׁוּבוֹת אוּן מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען דִי שְׁאֵלוֹת וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט. הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן? אִיבֶּער אַ צוּמִי?!"...

יֶענֶע וָואךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט (שו"ת בְּרֶסְלֶב, חֵלֶק כח, מִכְתָּב ג'תקיב) אוֹיף אַ שְׁאֵלָה אִין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועגְן אַ צוּמִי, אַז דֶער טַאטֶע וִויל אַז דָאס קִינְד זָאל שׁוֹין אַוֶועקְוַוארְפְן דִי צוּמִי, אוּן דִי מַאמֶע הַאלְט אַז דִי צַייט אִיז נָאכְנִישְׁט רֵייף דֶערְפַאר, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט עֶס אַוֶועק פוּן אִים וֵויינְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז וֶוען דָאס קִינְד וֶועט אַבִּיסְל עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט עֶר אַלֵיין דָאס אַוֶועקְוַוארְפְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאךְ דִי מַאמֶע אַ גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן קִינְד אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס קִינְד שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט, אִיז יֶעצְט נָאכְנִישְׁט דִי צַייט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דִי צוּמִי פוּנֶעם קִינְד, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט וַוייטֶער אַז "דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מְוַותֵּר זַיין אֵיינֶער פַארְ'ן אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ."

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אַ גֶעוִויסֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מַשְׁפִּיעַ הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר שְׁרַייבְּט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאט נִישְׁט בֶּעסֶערְס וָואס צוּ שְׁרַייבְּן נָאר אִיבֶּער אַ צוּמִי, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט, **"דָאס אִיז אַ קוּנְץ, צוּ קֶענֶען נוּצְן אַ צוּמִי מִיט דֶעם אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען גִלּוּי אֱלֹקוּת".** דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, צוּ אַלֶע סָארְט מַצָּבִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, אוּן דָארְט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב זָאל וִויסְן אַז אוֹיךְ עֶר קֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין? וֶועט מֶען לַאכְן פוּן מִיר אַז אִיךְ שְׁרַייבּ וֶועגְן אַ צוּמִי, אָבֶּער מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרַ"ש זי"ע

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ב שְׁבָט ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָפְּדְרִיקְן נָאךְ אַ כְּרַךְ פוּן דִי בְּרִיוו, וָוארוּם דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה') **כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ**; דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, וָוארוּם מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל דָאס עֶר הָאט גוּט גֶעטְרַאכְט ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס אוֹר לְדוֹרֵי דוֹרוֹת? בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי הַחְלָטָה אַז נָאר דוּרְךְ דְרִיקְן דִי סְפָרִים וָואס דָאס גֵייט מִסוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אוּן עֶס בְּלַייבְּט לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מַמְשִׁיךְ זַיין **דְרִיקְן אֵיין כְּרַךְ נָאכְן אַנְדֶערְן** דִי בְּרִיוו אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים, כִּמְעַט יֶעדְן טָאג קוּמֶען מֶענְטְשְׁן מִיר זָאגְן אַ יַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַסַאךְ צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ' מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטַארְק זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַזַא גְרוֹיסְן חֵלֶק אִין זְכוּת הָרַבִּים, אוּן בְּוַודַאי וֶועט דֶער זְכוּת דִיר מֵגִין זַיין, דוּ וֶועסְט הָאבְּן **פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, שָׁלוֹם בַּיִת מִיט שִׂמְחָה, אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער**, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט מְחַיֶּה אִידְן**, פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## א מעשה פון הפצה

**א חשובע מפיץ:**

איך בין געגאנגען דאווענען מעריב אין א בית המדרש שפעט ביינאכט, טרעף איך דארט א בחור זיצן זייער צובראכן און צוקלאפט, עס האט זיך אנגעצינדן אין מיר די פלאם פון הפצה, איך גיי צו צו אים און איך דערלאנג אים א קארטל מיט די נומער פון די האטליין, און איך זאג אים מיט א ווארעמקייט "דא האסטו א האטליין נומער וואס קען דיר אויפלעבן".

איך ענדיג דאווענען און איך גיי מיר אהיים, איך האב נישט געוויסט אויב ער האט גערופן די האטליין אדער אפשר געלאזט דאס קארטל אויפן טיש.

א צייט שפעטער איז מיר נאכאמאל אויסגעקומען צו דאווענען מעריב שפעט ביינאכט אין דעם זעלבן בית המדרש, טרעף איך דארט דעם זעלבן בחור וואס איך האב דעמאלטס געטראפן צובראכן און צוקלאפט, אבער יעצט זע איך פאר מיר גאר אן אנדער בילד, ער זיצט און לערנט מיט א חיות, איך גייט צו נענטער און איך זע ער זיצט מיט א "משניות" און זאגט משניות מיט א געשמאק.

האב איך באשיינפערליך געזעהן וואס די קארטל וואס איך האב דעמאלטס געגעבן האט אויפגעטוהן און געברענגט ברוך השם די ריכטיגע רעזולטאטן.

**וואס איין קארטל טוט אויף.**

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## פילע ספרים און קונטרסים ארויס פון דרוק

קרן הדפסה היכל הקודש פיבערט אין די טעג, מען דרוקט איבער פון פריש קונטרסים און ספרים וואס מוהרא"ש ז"ע האט געשריבן פאר אונז מיר זאלן זיך קענען מחזק זיין און מחיה זיין.

יעצט ווערט איבערגעדרוקט צוויי קונטרסים, "פארליר דיך נישט", און "התחזקות ליום הדין". אזוי אויך איז געווארן איבערגעדרוקט "ספר אוצר אמונה", וואס איז צאמגעשטעלט פון אסאך קונטרסים וואס מוהרא"ש ז"ע האט געשריבן במשך די יארן, וואס רעדט בעיקר ארום פון "אמונה", און מוהרא"ש האט דאס שפעטער צאמגעשטעלט און ארויסגעגעבן אין א ספר, כדי עס זאל זיין גרינגער צו האלטן אין שטוב, און קענען לערנען אלע קונטרסים פון דעם נושא.

אויך ווערט יעצט איבערגעדרוקט אלע בענדער פון ספר "אשר בנחל אידיש", וואס האט אין זיך אכט הונדערט בריוו, וואס מוהרא"ש האט ספעציעל געשריבן פאר די אידן וואס ליינען בעסער די אידישע שפראך.

אויך האט מען פון פריש איבערגעדרוקט "הגדה של פסח אידיש", וואס האט אין זיך די הגדה של פסח מיט א פירוש פון מוהרא"ש איבערגעזעצט אין אידיש, אז אלע זאלן קענען גרינג פארשטיין, און ארויסנעמען חיזוק אויף למעשה פון די הגדה.

אזוי אויך גרייט מען זיך איבערצודרוקן נאך פילע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, אינעם קומענדיגן געלעגענהייט וועט מען אם ירצה השם מעלדן וואס נאך עס איז ארויס פון דרוק. אויב דארפט איר איינע פון די קונטרסים און ספרים, ביטע זיך מעלדן אויף 718-387-2691

על ידי הפצה ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# בילדער פון קרן הדפסה



ספר אוצר האמונה ארויס פון דרוק



הגדה של פסח אין אידיש ארויס פון דרוק



עס קומט אן נייע מאשינען בייס בית הדפוס אין ישיבה אפאר יאר צוריק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| יואל וועבערמאן<br>קרית ברסלב | יואל לעווי<br>וויליאמסבורג | משה שטיינוואַרצל<br>פלעטבוש |
| שאול יצחק גאנץ<br>מאנסי | שמואל יצחק ווערצבערגער<br>קרית יואל | ישעי ריינער<br>בארא פארק |
| יעקב היילפרין<br>סטעטן איילענד | יחזקאל זיגלער<br>בארא פארק | אשר לעווי<br>דזערזי סיטי |
| לוי יצחק ווערטיימער<br>קרית יואל | אברהם דוד לאקס<br>קרית ברסלב | יואל פעדער<br>וויליאמסבורג |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370


בס"ד
ווייל אדוי
פאסט
פאר א
אינגערמאן
וואס האט
מסיים
געווען
סדר
מועד
21
DAYS
05
HOURS
17
MINUTES
347.415.2888
ש"ס
איד
יומא טבא לרבנן
סיום
סדר
מועד
ארמון
האטעל
שב"ק
פרשת
ויקרא
תשפ"ב
ARMON
282 • DESIGN | 845.406.4250


לקראת שבת
לכו ונלכה

# א מַעֲשֶׂה

## פוּן א צַדִּיק



### אֶמוּנַת חֲכָמִים

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַצַ"ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם אַלְץ קִינְד שׁוֹין, פַּארְצַייטְנְס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער פַּאר אַ יָתוֹם, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַייְנְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיין פֶּעטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דִי גַאסְן, בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁעפְּן וַואסֶער, אוּן פַארְדִינְט גֶעלְט.

אֵייְנְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַייְנְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶּעטֶער, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, רֶבִּי נַחְמָן וָואס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין דִבְרֵי תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רֶעדְט, אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר אֵיין וָוארְט, וָואס אִיז אִים אַרַיין אִין קָאפּ; **"גֶעלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא, אוּן מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען"**. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נָאכְגֵיין רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן עֶר הָאט אִים שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן עֶר הָאט אִים בַּאדִינְט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): **'גָּדוֹל שִׁימּוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ'**. 'מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז נָאךְ מֶער וִוי לֶערְנֶען פוּן אִים'. וַוייל וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַסַאךְ פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ פוּן זַיין פְּשׁוּטֶער פִירוּנְג קֶען מֶען זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, אוּן מֶען קוּקְט נָאכְדֶעם צוּרִיק וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקמ"ד) דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אֶמוּנַת חֲכָמִים אוּן זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי'ן זֶענֶען בַּיים סוֹף גֶעוָוארְן אַלֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט דָאס גֶעזֶעהְן אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן. אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימְנוּב זי"ע וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרֵייַ בַּאדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדְל מְרִימְנוּב זי"ע, בִּיז עֶר אִיז נָאכְדֶעם אַלֵיין גֶעוָוארְן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אִים.

אוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַייטְן אִיז אוֹיךְ פָארְגֶעקוּמֶען דָאס זֶעלְבֶּע, בַּיים גְרוֹיסְן צַדִּיק אוּן בַּעַל מוֹפֵת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע קְרֶעסְטִירֶער זי"ע וָואס עֶר הָאט בַּאדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב בַּעַל אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זי"ע. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאדִינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר גֵייט מִיט אִים מִיט, לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן 'עֵין יַעֲקֹב', בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעאַרְבֶּעט אוּן פוּן נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער אִיז גֶעוָוארְן דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ. קוּמְט אוֹיס אַז בַּיי אַן אֶמֶת'ן עֶרְלִיכֶער אִיד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

(קונטרס "טוה איך גוט?!")



# דעם רבי'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 22

פארזעצונג פון פריער:

דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויילְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גָאר אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִלָּה. אוּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, יֶעדְן טָאג זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין צוּ אִים גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת.

...

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט סֵיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן סֵיי אִין חוּץ לָאָרֶץ, מְ'הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר קֶען גַאנְץ שַׁ"ס כִּמְעַט אוֹיף אוֹיסְנֶווייניג, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְקוּבָּל, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט, יֶעדֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן צִימֶער וֶוען עֶר רֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִין צִימֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, אוּן יֶענֶער גָדוֹל.

דַאן הָאט דֶער גָדוֹל אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן דִי אֱמֶת'ע סִיבָּה פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "אִיךְ וֵייס אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מוֹחִין דְקַטְנוּת, אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען וַוייל זֵיי ווִילְן גֵיין פִּיר אַמוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן דָאס גְלַייכְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְזִין מִיטְ'ן קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז זִיכֶער גֶעקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס הֶעכֶערֶע כַּוָונוֹת, מִיט אַ מוֹחִין דְגַדְלוּת, צוּ פּוֹעלְ'ן עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגָה אִין עֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק ווִיסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דָא פּוֹעלְ'ן, אִין וֶועלְכֶע נְקוּדָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ בַּאדִינֶען מִיט מַיין גוּף, נֶפֶשׁ, רוּחַ, אוּן נְשָׁמָה".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מַיין טֵייעֶרֶער פְרַיינְד, דָאס זָאלְט אִיר מִיר נִישְׁט פְרֶעגְן, וַוייל דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ אַייךְ דָאס חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְצוּזָאגְן פַארְוָואס אִיךְ בִּין דָא גֶעקוּמֶען אוּן וָואס אִיךְ ווִיל דָא אוֹיפְטוּן, אוּן אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אֲפִילוּ בַּאשְׁוואוֹירְן אַז אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן".

דֶער גָדוֹל הָאט אָבֶּער נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט נָאר וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן, "אַזוֹיפִיל ווִיל אִיךְ כָאטְשׁ בֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִיר זָאגְן עֶפֶּעס פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אִיךְ מֵיין דֶערְמִיט גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דָאס מִיר אָנְוַוארֶעמֶען אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אִינְאֵיינֶוועגְס אוֹיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס פַארְשְׁטֵיין פוּן דֶעם אַ רֶמֶז, אִיבֶּער דִי כַּוָונוֹת פַארְוָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין גָאר אַ שְׁטַארְק בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת, זַיין פָּנִים הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלַאמֶען, זַיין הָאר פוּן קָאפּ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם הוּט פוּן קָאפּ אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן, "אִיר וֵוייסְט דֶעם סוֹד פוּן דִי כַּוָונוֹת פוּן תְּפִלִּין?", אוּן יֶענֶער גָדוֹל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן עֶטְלִיכֶע כַּוָונוֹת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "נֵיין, נִישְׁט דָאס זֶענֶען דִי כַּוָונוֹת פוּן תְּפִלִּין, אוּן וִויבַּאלְד אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם סוֹד פוּן כַּוָונוֹת פוּן תְּפִלִּין, וֵוייסְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט דֶעם סוֹד פוּן דִי פִיר זַייטְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ אַנְטְפְּלֶעקְן עֶפֶּעס אַ רֶמֶז פוּן דֶעם עִנְיָן".

אַזוֹי וִוי אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְקוּמֶען בְּלוּט פוּן זַיין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם גָדוֹל, "יֶעצְט זֶעט אִיר דָאךְ שׁוֹין מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אַז מְ'אִיז נִישְׁט מַסְכִּים פוּן הִימְל אַז אִיךְ זָאל אַייךְ דָאס אוֹיסְזָאגְן".

דֶער גָדוֹל הָאט דָאס טַאקֶע פַארְשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן אַזוֹיפִיל מוּטְשֶׁען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

FOR ALL YOUR INSURANCE NEEDS CALL THE INSURANCE EXPERT

YISROEL SHULEM ZELKOWITZ

845-407-2614

## Buy & Save - שטעטל באזאר

מיר וויל זיך באדאנקן פאר אלע וואס ברענגן קליידער צו קענען פארקויפן אינעם באזאר.
אזוי אויך טוהן מיר בעטן אז מען זאל נאר ברענגן קליידער אין א גוטע צושטאנד.
אויב האט איר שמוציגע אדער צוריסענע קליידער - ביטע ווארפט עס אליינס אין גארביטש און עס נישט ברענגן.
עס איז גניבה וגזילה!
מיר קענען נישט באצאלן פאר אייערע גארביטש.

## ארבעטס פארמיטלונג

זוכט איר ארבעט, אדער זוכט איר א ארבעטער?
רופט אונז אן און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע ארבעט אדער ארבעטער וואס מעגליך בעזרת השם.

רופט שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

## Buy & Save - שטעטל באזאר

גרויסע סוף ווינטער אויספארקויף !!
אלע מאנטלען, קאפלעך, און שאלן איז פאר אומזינסט!
ביז נעקסטע מיטוואך ויקהל.

אויך איז יעצט דא צובאקומען רעפלעקטארס פאר $5

## אפיסעס צו פארדינגען

עס איז יעצט דא אפיסעס אוועילעבעל צו פארדינגען אין צענטער פון שטעטל, פאראינטערסירטע רופט אריין אברהם אלי' פרידריך.

646-938-2503

## KB Fish

חשובע איינוואוינער! מיר זענען דא אייך צו סערווירן מיט פיינע פרישע פיש יעדן שבת קודש, באשטעלט אייער ארדער ביז דינסטאג נאכט, מען דעליווערט יעדן מיטוואך אינדערפרי.

845-213-9723 רופט יעצט

D&S APPLIANCES

אייער פריינד
דודי לאקס

רופט
718-938-8605

## Personality Jewelry
## Sold by Breindy Tyrnauer

Everything to enhance a lady, kallah, and girls appearance for great prices

I also do ear piercing with experience for newborns and all ages

Ready to serve anytime by appointment

347-228-2931

שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING

347·666·8029

KBPOWER27@gmail.com

Hotline: 845·351·0910

## KB Shuttle

Shuttle times pick ups:

t 10:00, 10:45, 11:30, 12:15, 1:00, 1:45, 2:30

The shuttle will come and take you to any local and semi-local address, including Shtetel, school, shop rite, South fallsburg, Monticello and any place on the way

Reserve a pick up by texting or calling 845-720-0847 the day before until 8 pm. If you didn't reserve you can still call the driver and request a pick up if available

Membership available.

Get latest updates by joining our text group.

For more info and for any questions call or text.

## פארקאש טליתים

בשורה טובה! אלע חשובע איינוואוינער וועלן קענען געניסן קומענדיגן וואך ויקהל פון א 10% דיקאונט ביי פארקאש טליתים.

קומט אריבער צו פארקאש טליתים אויף
601Harris Rd Ferndale NY
פון 12:00 נאכמיטאג ביז 6:00 אויפדערנאכט

KB PLUMBING
Done faster. Done right. (347) 831-6209

## סקוטער גמ"ח

אויב דארפט איר האבן א סקוטער אין פאל וואס איר קענט נישט גיין מיט די פיס חס ושלום.

רופט משפחת לאקס
845-747-9382

## טיש און בענקלעך גמ"ח

אויב דארפט איר האבן טיש און בענקלעך פאר א שמחה און דאס גלייכן.

רופט משפחת פינטער
347-415-2888

# קינדער אָפְּטֵיילוּנג

# אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן

ווער עֶס קֶען דֶעם נִיגוּן זָאל מִיט זִינְגֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ" X2

ווער הָאט גֶעמַאכְט דֶעם לִיד?

ווען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת, פָּרָשַׁת נִצָּבִים שְׁנַת תקס"ב, הָאט עֶר גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי זְמִירוֹת ווִי דֶער רֶבִּי זִינְגְט מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, דֶערְמָאלְט הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפְנְט אַ נַייעֶ ווֶעלְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר ווֶעט אוֹיךְ פָאלְגְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - ווֶעט עֶר אוֹיךְ ווֶערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען פַאר זִיךְ אַ נַייעֶם שַׁיין, אַ נַייעֶם לִיכְטִיגְקֵייט.

נָאךְ דִי סְעוּדָה, ווען אַלֶע גֶעסְט זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'ווִי קֶען אִיךְ יֶעצְט גֵיין שְׁלָאפְן?' עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ מוּז יֶעצְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין רֶבִּי'ן'.

אוֹיפ'ן ווֶעג אַהֵיים פוּן רֶבִּינ'ס שְׁטוּבּ, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם בּוּג, בּוּג אִיז אַ נָאמֶען פוּן אַ טַייךְ וואס גֵייט אַרִיבֶּער דֶעם שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב; רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט בַּיים טַייךְ בּוּג אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְץ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס.



צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, לָאמִיר בֶּעטְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אִין אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ", הֶעכֶער! "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ".



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**יד.** עַל יְדֵי חֲנֻפָּה, בָּא לְשֶׁקֶר.

**טייטש.** אַז מֶען חַנְפְ׳ט, קוּמְט מֶען צוּ זָאגְן לִיגְנְט.



# חידות
### אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט דורך קלאטשן און טאנצן**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. ווערט מען רואיג
ב. איז מען אים מוחל די עבירות
ג. קען מען זיין א איד
ד. גייט אוועק אלע דינים

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן: "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער

**ענטפער:** איז מען זיך אינגאנצן מבטל

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**נפתלי אינדיג נ"י - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | 6 | | | |
| | | | | | 4 |
| | | | | | 3 |
| 5 | 6 | | | | |
| | | | | | 1 |
| | | 4 | 2 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | 4 | 9 | | 1 | 5 | |
| 2 | 9 | | 7 | 1 | | 6 | 8 | |
| 6 | 1 | | | 8 | | | | |
| | | | 1 | | 7 | | 2 | 6 |
| 9 | 3 | 2 | | | | 4 | 7 | 1 |
| 1 | 7 | | 9 | | 4 | | | |
| | | | | 7 | | | 6 | 4 |
| | 6 | 9 | | 4 | 3 | | 1 | 5 |
| | 2 | 3 | | 5 | 1 | | | |




# בילדער
## אפטיילונג



דער ראש ישיבה באזוכט בייס סופר ר׳ שלום פאללמאן הי״ו



ביים באטראכטן דעם מגילה וואס ר׳ שלום נ״י שרייבט



סיום מסכת מועד קטן מיט די עלטערע קינדער אין שטעטל



הילד אברהם לעסער נ״י ביים רעדן אפאר ווערטער ביים סיום



סיום מסכת מועד קטן מיט די עלטערע קינדער אין וויליאמסבורג



סיום מסכת מועד קטן מיט די אינגעלייט אין שטעטל - הרב יעקב לעסער שליט״א מאכט דעם סיום.




דער ראש ישיבה ביים ציון פון התלמוד שמעון ענדצוויג ע״ה




דער ראש ישיבה ביים ציון פון האברך חיים בן ציון נטע גראס ע״ה - תלמוד היכל הקודש




דער ראש ישיבה ביים ציון פון זיין באבע רחל לאה ע״ה - וואס די יארצייט איז געפאלן דעם טאג ט׳ אדר.




דער ראש ישיבה ביים ציון פון זיין זיידן רבי אלחנן חיים ז״ל



דער ראש ישיבה באזוכט אין בית המדרש עצתו אמונה - ד׳ תצוה



דער ראש ישיבה באזוכט מקוה מלכה - ד׳ תצוה



עצתו אמונה פארברענג אין וויליאמסבורג - ב׳ תצוה



דער ראש ישיבה ביים חתונה פון ר׳ אלימלך פארגעס הי״ו - ד׳ תצוה אין קרית יואל





גרויסארטיגע חלוקה א' כי תשא - צוגעשטעלט דורך האברך ליפא שווארץ הי"ו דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מכל טוב





דער דיין שליט"א ביים באקוקן דעם קאך אין תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי - דאנערשטאג תצוה



ביים טאנצן מוצאי שבת תצוה - שבת התוועדות



מלוה מלכה מוצאי שבת תצוה - שבת התוועדות



שבת התוועדות מיט די בחורים וואס האבן אריינגעברענגט א געוויסער סכום געלט פאר די ישיבה - שבת תצוה תשפ"ב